B
1045-
1056.

KAUFMANN
DÁVID
KÖNYVTÁRA
B. 1045-56

# איין שין
# כלה ליד

נעבשט איין גוטי ארצנייא
פר דיא ביזהווייבר
וועלכי איט דיזן אעטעלן
גיוויט אונ' וואר האפטיק
זו קורירן · אלז איז האט איין גוויס
שטאקטר פאר זיינין טוט · דער
וועלט זו ליב. שאן אופארירן · ווען איר
זיבהאבר ווערט הירינן לעזן פון
אן פאנג ביז צום ענט / ווערט איר
האבן אייאר גוט קונטאנטאמענט /
שעט באזר דאלז לייפן · עז איז אום
איין גרינגט געלט צו קויפן · קויפט
איר דיא ארצנייא בייא צייט · זא
האבט איר עש אין דער נוהט ·
איך טוהן אייך דיזז אן קינטן · דאז
איר דאז דאגעבש ניט אוי לייט
קענט פינדן · דארום קויפט עש
באזר · זונשט אמלין איך דיא ביזן
ווייבר קאלט · איין נאאן וויל איך
דא בייא ניט שפענדירן · דיא פוך
פון דיא ביזן ווייבר זאלן איך ניט אן
רירן · ברכות ווערטי איך ביקואן
אום דאז גרינגי געלט · ווייל איך
אלז אזי בובלאלירן אי דער וועלט:

* * *

# איין שין
# כלה ליד

**אליר** שענשטה כלה פֿיין · אונ׳ לאז דיך ניט
פֿר דריסן · איר וועלין אייך לאזין ווישן ·
וויא איר אייך זאלט האלטין צו דער צייט · ווען איר
אין אייאר עה שטאנט טעט טרעטין · אלז אונזר
איטר האבן אויך גיטאן · איין טייגליין זאלט איר
גיבעטין · מיט דער חלה זאלט איר אנפֿאנגין אן :

**נעם** דיא חלה נאר ניט צו קליין · ניאורט אז
אונזר חכמים דען שעור האבן גיגעבין ,
אלזו ווערט איר גרוש רייכטום דער לעבין · איר אונ
אייאר הערץ ליבשטר אמן · דען גאט האט אייך
ביטערט · פֿירציג טאג פֿאר אייארן גיבירט · איין
בת קול טרייאט אלז אמן עז ניכט הערט · דיא צווייא
זיין צו זאמין ביטערט :

**יודשליכה** קינדר אונ׳ וואל גילערט · דיא
ווערן פֿון אייך הער קומן · וויא
איר אוי צדקת האט אן גינומן · צולעט אונ׳ לויטר
עהר · אייארה קינדר אין הויז האלטונג פֿירן · אונ׳
אייארן מאן איר אין עהרן האלט · אלז איין קרון זאלט
איר אין צירין · אין בליק אונ׳ אין אידל גישטאלט ·

קומט

**קומט** עז דען אן פרייטאג שפאט · צווייא ליכט
זאלט איר אן צינדן · אייארה לאן ווערט
מיר שון גיפינדן · זיא ווערין לייכטן אלז אידל גישטיין ·
דיא קינדר דיא פון אייך אויז גענגין · אז קרפונקל
זיא לייכטן ווערן · צו עולם הבא ווערין זיא אייך
ברענגין · אין דער תורה ווערין זיא לייכטן אלז וויא
דיא שטערין :

**לערין** אב שינה כלה פיין · וואז איך דיר טוא
אונטר ווייזן · פערגעשט דוא ניט טוטשטו
אין גרייזן · דען לערנין איז קיין שאנד · דען איר
האבן דער פארין / בייא דען ליבן אלמעכטיגן גאט ·
אז ער האט גיפלוכט חוה אי: מיר געלה גרושה האר :

**אונט** איר אין פלעגרלה פיר גיהאנגן האט ·
ווארום זאלין איר דען דאז ניט טאן · אונ'
זאלין דער כלה פיר זינגן · אונ' איר איין פלעגרליין
פיר הענגין · אונ' טאנצין אונ' שפ־ינגין פר איר ·
גילדנה פינגרליך איין גיווארפין · אונ' אויך גישפילט
מיט הארפפין · דער כלה צו עהרן אונ' צו ציר :

**דאז** כלה ציר וועלין איר לאזין זיין לויך · אויך איין
ענד או:' וועלין זיך דאז ציר אויך בטליסן ·
עז אעלבט זנשט דען חתן אונ' דיא כלה פר דריסן ·
אלז אמן זיא זוא לאנג האלטין אויך :

**ווער** דאז כלה ציר האט טאן זינגן · האט הש"י
חתן אונ' כלה צו ליב גיטאן · ווען דיא ערשטן
אותיות ווערין פיר שפרינגן · אלזו ווערט ער באלד זיין
נאמן האבן מאן / ואמאן אונ' דאז איז ווארי ווען אונזר ליבר גאט
ווערט לאזין דאז בית המקדש בויאן · דא ווערין איר זוכה
זיין דיא שמחה צו טואן · וויא קענגין איר דען פרעליכר
זיין · דא ווערין איר דער פרייאט אוי · בייא דען ליבן
אלמעכטיגן גאט · עז ווערט אונש ליברשט זיין אז חתן
אונ' כלה · אליהו הנביא ווערט קיאן אונ' ווערט זאגין
דאז בעקין ברוט מאן :

# איין גוטי ארצנייא פאר דיא ביזה ווייבש פערזאנין

צום ערשטן נעם פייטן בוזן שטרייך איר
לוויא אלז איבר דיא אויגן · דער נאך
נעם פינף פינגר קרויט שטרייך דיא באקין וואל
ליגט אונט רעפפט · דער נאך נעם לוויא פפונט
בייטן זאאן · לוויא פפונט קאראוואנטין ווארצל ·
איטום לוויא פפונט בעגיל שמאלץ · אונט דאז טיקי
פן איינין לין טטיקל אונט אלז וואל אונדר אננדר
גירירט · אונט דעם בוזין וייב וואל דען רוקין
אונט לענדין גישמירט · דאז גיבט איין גרויזאם
גוט שלאף זעלבליין · וועלכיש איר ווערט דען
שווייז אויז טרייבן איבר דען גאנצין לייב · דער
נאך נעם זיא בייא דער האנט · אונט מיט דען
קאפף ווידר דער וואנט · אונט פיר זיא מיט דיא
האר אויש · אונט שפיל מיט איר אלז וויא דיא
קאץ מיט דער מויז · דער נאך גיב איר צו טרינקן
ביטר ביר אונט זויארן וויין · אונט שטום איר דען
צוקר מיט פימן דריין · דאז העלפט וואל אויז
דער מאמין · דאמיט ווערט זיא איר בזקייט נאך
לאזין · דען ווערט זיא דיר ברענגין גוטין טראנק
אונט שפייז · זיא ווערט דראן זעלן איר איגליכן
פלייס · אונט ווערט דיך אויך האלטין אין עהרן ·
אונט דיא ארצנייא ניט מער ביגערן · פון דיזר
שטונד · ווערט זיא פריש אונט גיזונט דאז
זייא גיוויש אונט וואר · ביז הונדרט
יאר :

## בדוק ומנוסה :